# די יוסטיץ דעפּאַרטמענט גייט איין אויף אפמאך מיט די ניו יארק סטעיט געריכט סיסטעם צו באהאנדלען אישוס מיט די 'טיטל VI' שפראך באגרעניצונגען

וואַשינגטאָן – די יוסטיץ דעפּאַרטמענט האט היינט מודיע געווען א "מעמאראנדום פון פארשטאנד" (MOU) מיט די ניו יארק סטעיט געריכט סיסטעם, און די אפיס פון געריכט אדמיניסטראציע (OCA) צו פֿאַרבעסערן צוטריט צו די ראקלענד קאונטי, ניו יארק, דראג טריטמענט געריכט, פֿאַר מענטשן מיט באגרעניצטע ענגליש באהאוונטקייט (LEP). די דעפּאַרטמענט טוט אינפארסירן די 'טיטל VI' פון די סיוויל רעכט אקט פון 1964, וואָס טוט פארבאטן דיסקרימינאציע אויף די באזיס פון ראסע, קאליר און נאציאנאלע אפשטאם פאר די וואס זענען בארעכטיגט צו באקומען פעדעראלע פינאנציעלע הילף. פארבאטענע דיסקרימינאציע קען אריינרעכענען דאס צוריקהאלטן צוצושטעלן צוטריט צו א פארשטענדליכע שפראך.

"צו פארזיכערן יושר און גערעכטיגקייט אונטערן געזעץ, פארלאנגט דאס צו ווערן געטון אין א וועג וואָס איז יושר, קלאר און פארשטענדליך פֿאר יעדן, אבער דאָס קען נישט פּאַסירן סיידן די וואס זענען פארמישט אין די יורידישע סיסטעם קענען קאמיוניקירן מיט יעדן איינעם", זאגט אסיסטענט אטורני דזשענערעל קריסטען קלאַרק פון די יוסטיץ דעפארטמענט סיוויל רייטס דעוויזיע. "מענטשן דארפן נישט ווערן באשטראפט צוליב זייער באגרעניצקייט אין די ענגלישע שפראך, און זיי זאלן אויך באקומען די שפּראך הילף וואס זיי דארפֿן אנטייל צו נעמען אין געריכט פארהאנדלונגען און געריכט-באשטימטע טרענירונגען אדער אנדערע טריטמענט פראגראמען". "דער אפמאך שטייט ארויס ווי א מאָדעל צו פארזיכערן צוטריט די געריכט סיסטעם, אריינגערעכנט אלע פראגראמען און סערוויסעס, פאר יעדן איינעם, אפגעזעהן פון זייער קענטעניס אין די ענגלישע שפראך, און טוט ארויסהייבן שריט וואס וועט העלפן ביי׳צוקומען שטערונגען פאר די וואס באנוצן זיך מיט די געריכט סיסטעם מיט ווייניג באהאונקייט אין די ענגלישע שפראך."

“מיטגלידער פון דער געמיינדע זאלן נישט ווערן צוריקגעוויזן וויכטיגע צוטריט צו געריכט פראצעדורן און פראגראמען וואס טוהן צושטעלן אלטערנאטיווע געריכט באשליסן צוליב זייער באגרעניצקייט אין די ענגלישע שפראך" זאגט יו. עס. אטורני דעמיען וויליאמס פֿאר די סאוטערן דיסטריקט פון ניו יארק. "מיר דאנקען די ראקלענד קאונטי דיסטריקט אטורני'ס אפיס און OCA פֿארן ארבעטן מיט אונז צו פארזיכערן אז די ראקלענד קאונטי דראג טריטמענט געריכט איז אוועיליבעל פאר אלע בארעכטיגטע באטייליגטע, און מיר האפֿן אַז דער 'מעמאראנדום פון פארשטאנד' קען דינען ווי אַ מאָדעל פֿאַר אַלע געריכט אפטייילונגען אין דעם דיסטריקט. צו פארזיכערן צוטריט פאר די מענטשען וואס האבן א באגרעניצטע פארשטאנד אין די ענגלישע שפראך, און די צושטעלן צו די פארלאנגען אין 'טיטל VI'. "

די יוסטיץ דעפארטמענט האט אריינגעקוקט אין א קלאגע וואס טענה'ט אז מענטשן מיט 'באגרעניצטע ענגליש פארשטאנד' (LEP) קענען נישט אנטייל נעמען געהעריג אין די פראצעדורן פון די ראקלענד קאונטי דראג טריטמענט געריכט, ווייל עס האט נישט צושטעשטעלט צוטריט אין די שפראך וואס זיי באזיסן. באלד נאך דעם אנקלאגע, איז די OCA געווארן אריינגעמישט אין די פראצעדור אין צוטריט פאר די ענגלישע שפראך באגרעניצטע, פאר די פֿאר די ראקלענד קאונטי דראג טריטמענט געריכט, און OCA האט גענומען אחריות אויף די געריכט דעם פארלאפענעם מערץ.

צוזאמען מיט די ראקלענד קאונטי דיסטריקט אטורני'ס אפיס, וואס האט געפירט די דראג טריטמענט געריכט בעפאר מערץ, האט די OCA גענומען עטליכע וויכטיגע שריט צוצושטעלן געהעריגע צוטריט פאר באנוצערס פון די ראקלענד קאונטי דראג טריטמענט געריכט ווילאנג די דעפארטמענט טוט ארייננקוקן אין די נושא. צווישן אנדערע, האט די OCA איינגעשטימט צוצושטעלן פרייע איבערזעצער סערוויסעס פֿאר

אלע געריכט באהאנדלונגען, און אנגעפירט מיט אויפקלערונג פאר די באנוצער פון די ראקלענד קאונטי דראג טריטמענט געריכט צוצושטעלן צוטריט פאר מענטשן מיט שפראך באגרעניצונגען.

אונטער די אפמאך וועט די OCA נעמען א רייע שריט צו פארזיכערן געהעריגע און פארשטענדליכע צוטריט פאר באנוצער אין ראקלענד קאונטי דראג טריטמענט געריכט מיט באגרעניצטע פארשטאנד אין די ענגלישע שפראך. די שריט רעכנט אריין דאס איבערזעצן אַלע דאקומענטן אין ספאניש, קרעאָליש און אידיש, און אין אנדערע שפּראַכן לויטן פארלאנג, און פארזיכערן באהאנדלונג צענטערן וועלכע קענען צושטעלן געריכט-באשטימטע דראג טריטמענט פראגראמען אויף א וועג וואס וועט צושטעלן געהעריגע צוטריט פאר אזעלכע וואס האבן נישט קיין באקאנטשאפט מיט די ענגלישע שפראך, גענצליך פריי פון אפצאל.

מער אינפֿארמאציע וועגן די סיוויל רעכט דיוויזיע קען מען טרעפן אויף די וועבזייטל www.justice.gov/crt. מער אינפֿארמאציע וועגן LEP און 'טיטל VI' קען מען טרעפן אויף www.lep.gov. מען קען באריכטען מעגליכע סיוויל רייטס פארלעצונגען אויף www.civilrights.justice.gov/report/ אָדער מיט די יו. עס. אטורני'ס אפיס פאר די דרום דיסטריקט פון ניו יארק אויף www.justice.gov/usao-sdny/civil-rights.

# # #

לייג אריין פעדעראלע קארדענאציע און קאמפלייענס סעקשאן

[עס וועט אויך זיין איבערזעצונגען]